# שרגא המאי"ר

מתוך דרשת הרב הגאון

רבי שלום שרגא פייש פאפלאנאש שליט"א



# כח הנגינה

## והיה כנגן המנגן ותהי עליו יד ה'

תוכן השיעור

מעג א רב שפילן אויף א פידל? / רעדן ענגליש מיט א אקצענט / די פראבלעם פון רעדן ענגליש / די חילוק פון מזמור לדוד, אדער לדוד מזמור / דער ערשטער וואס האט אויסגעטראפן די ענין פון נגינה, פון מוזיק ? / נגינה האט א כח צו מאכן תחיית המתים / פארוואס מאכט מען נישט קיין ברכה אויף א ניגון? / פון ווי קומט די ניגון קה רבון עלם? / פון וואו שטאמט קלאסישע מוזיק? / מעג מען עס הערן? / פון ווי קומט די כל נדרי ניגון / מעג מען לאזן א קינד האבן א פיאנא און שפילן ?

### א גוי'אישע ניגון

**מיט'ן** אויבערשטנס הילף וועלן מיר היינט ארומערעדן איבער די נושא פון ניגונים און מוזיק, מ'וועט בעיקר ארומערעדן א שאלה, וואס איך שטעל זיך פאר אז אסאך מענטשן טראכטן פון די שאלה. אבער קודם כל דארף מען וויסן, דאס איז אמאל זיכער אז נעמען א גוי'אישע ניגון מיט גוי'אישע ווערטער און זינגען - ספעציעל אויב די ווערטער זענען ניבול פה - איז מאן דכר שמיה, קיינער איז נישט דן אפילו אין די שאלה צי מ'מעג צי מ'מעג נישט, ס'איז נישט דא קיין הוה אמינא אז מ'זאל מעגן.

**די** שאלה וואס מ'גייט מיט'ן אויבערשטנס הילף אדורכרעדן איז, צי מען מעג נעמען א גוי'אישע ניגון און ארויסנעמען די ווערטער און לייגן אידישע ווערטער. נעמען א גוי'אישע ניגון און ארויפלייגן פסוקים תהלים צי ארויפלייגן סתם אידישע ווערטער. מעג מען טוישן א ניגון צו אידיש? איז דא אזא מין זאך אז ס'איז דא א טומאה אויף א ניגון אליין? און אזוי ארום און די גאנצע נושא.

**דאס** איז באקאנט, די גמרא זאגט אין חגיגה דף ט', אז אחר איז ארויסגעגאנגען לתרבות רעה ווייל ס'איז געווען **זמר יוני שגור מתוך פיו**, זאגט דארט **רש"י** און דער **מהרש"א**, אז ער האט ממש געזינגען כפירה, די גמרא רעדט נישט אז ער האט געזינגען סתם א ניגון, מיט'ן אויבערשטנס הילף וועט מען דאס אויך דורכרעדן, וואס איז יא א פראבלעם און וואס נישט.

### מען קען נישט יעדן צופרידן שטעלן

**איך** וויל קודם מאכן א שטיקל הקדמה פאר מ'וועט אנהייבן די שיעור. ס'איז דא א שטיקל **מהר"ם שיף** אין סוף מסכת חולין, וואס ער האט א קשיא פארוואס זעט מען נישט אז אחשורוש האט געמאכט מוזיק, ער האט דאך געהאט גרויסע סעודות, פארוואס האט ער נישט געמאכט קיין מוזיק, מ'געפינט נישט אין די מגילה אז ער האט געברענגט בעלי מנגנים און שפילערס זאלן דארט שפילן הונדערט און אכציג טעג?

**זאגט** ער אן אינטערעסאנטער תירוץ, מוזיק איז א זאך וואס אויב מ'האט עס ליב איז ממש

מ'גייט אויס דערפאר, מ'לעבט דערין, ס'איז ממש א געשמאק, אויב האט מען דאס אבער נישט ליב גייט עס אזוי אויף די נערוון אז מ'קען זיך נישט בארואיגן דערפון. זאגט ער, וויבאלד אחשורוש האט געוואלט מאכן **כרצון איש ואיש**, און מוזיק איז א זאך וואס מ'קען נישט יעדן צופרידן שטעלן, ווער ס'גלייכט עס נישט קען עס נישט אראפשלינגען, האט ער אפגעמאכט בעסער זאל גארנישט זיין ווי איידער ס'זאל זיין מוזיק און האלב עולם זאל נישט הנאה האבן.

**איך** הייב אן מיט די הקדמה פאר'ן אנהייבן די היינטיגע שיעור פון נגינה, ווייל איך וויל פשוט אוייסשמועסן אז פאר די וואס ליגן נישט אין מוזיק, וועט אפשר עטליכע זאכן נישט זיין אזוי אינטערעסאנט, אבער די אלע וואס ליגן יא אין נגינה וועלן מיט'ן אויבערשטנס הילף הנאה האבן.

## מעג א ת"ח שפילן אויף א פידל?

**נאך** א קורצע הקדמה וויל איך מקדים זיין, פאר מ'הייבט אן רעדן פון די גאנצע נושא פון מוזיק דארף מען ארויסברענגען, אז היינט איז טאקע א נארמאלע זאך אז א מענטש שפילט מוזיק, ס'איז דא מענטשן וואס הערן טעיפס פון מוזיק, אבער אמאל שפילן מוזיק איז געווען אן אראפגעקוקטע זאך.

**ווי** אזוי ווייס איך דאס? איר וועט ארייננקוקן אין תשובת **חות יאיר** סימן ר"ב האט ער א פשוט'ע שאלה, די שאלה איז, וואס טוט זיך אז ס'איז דא א חתן כלה וואס מ'דארף משמח זיין, און ס'איז דא א תלמיד חכם אחד שיודע לנגן בכינור - א ת"ח וואס קען שפילן מיט א פידל, מעג ער קומען שפילן מיט א פידל פאר די שמחה צי נישט, יעצט אז מ'וועט פרעגן היינט דער עולם, וועט יעדער זאגן, שפילן מיט א פידל פארוואס נישט?!

**ער** שרייבט דארט אבער אז ס'איז תלוי אין די מחלוקת צווישן דער **רא"ש** און דער **רמב"ם**. זיי האבן א מחלוקת, ווען א איד, א זקן ואינו לפי כבודו, טרעפט אן אבידה, וואס הלכה'דיג איז ער פטור צו מאכן השבת אבידה, צי אויב ער וויל מעג ער צוריק געבן די אבידה. לויטן רא"ש מעג ער צוריק געבן די אבידה, אבער לויטן רמב"ם טאר ער נישט צוריק געבן די אבידה, ווייל אויב ס'איז דא א כבוד התורה טאר מען זיך נישט מחמיר זיין.

**לויט** דעם מאכט דער חות יאיר א חילוק אזוי, אויב איינער איז אן אשכנזי, וואס פסק'נט ווי דער רמ"א, אזא איינער מעג שפילן מיט א פידל ביי א שמחה, ווייל ער האט א רעכט אוועקצוגעבן כבוד תורה במקום א מצוה, אבער א ספרד'ישער וואס פסק'נט ווי דער רמב"ם, מעג נישט שפילן מיט קיין פידל ביי א חתונה, ווייל ס'איז בזיון כבוד התורה.

**פון** דעם זע מיר אז ס'איז נישט געווען קיין זאך וואס יעדער האט געטון, נישט יעדער האט געשפילט מוזיק, נישט יעדער איז געליגן אין מוזיק. דאס איז בעיקר געשען ווען ס'איז ארויסגעקומען אין די אכצן אכציגערס למספרם די ערשטע טעיפ רעקארדערס, דאס האט געטוישט די וועלט אין נגינה, דער עולם האט אנגעהויבן זיך מער ארייננצולייגן דערין.

## אייניקלעך פון אברהם יצחק ויעקב!

**לאמיר** קודם אנהייבן מיט די תורה, אז מ'עפנט אויף א חומש זעט מען אן אינטערעסאנטע זאך, אין פרשת שמות שטייט אין פסוק, ווען פרעה האט אנגעהויבן צו מאכן כלל ישראל זאל ארבעטן שווער, **וירא בסבלותם** - זאגט די מדרש, אז משה רבינו איז געקומען צו פרעה און ער האט געזאגט אזוי, דו האסט עבדים וואס ארבעטן זיבן טעג א וואך, מ'קען דאך שטארבן, מ'קען דאך אויסגיין, מ'מוז זיי געבן עפעס וואקאציע. האט פרעה געזאגט פאר משה רבינו, קענסט זיך אויסוועלן איין טאג וואס די טאג וועלן זיי האבן וואקאציע פון די ארבעט. איז משה רבינו געגאנגען און האט אויסגעוועלט אז די טאג זאל זיין שבת קודש.

**שטייט** אין **תנא דבי אליהו**, וואס האבן אידן געטון שבת קודש נאך די גאנצע שווערע ארבעט וואס מ'האט געהארעוועט א גאנצע וואך? מ'איז נישט געגאנגען אינדערהיים און זיך אפגערוהט, ס'שטייט אין תנא דבי אליהו, אז אידן זענען זיך צאמגעקומען און מ'האט גע'חזר'ט צווישן זיך אז אונז זענען אייניקלעך פון אברהם יצחק ויעקב און אונז גייען מיר אויסגעלייזט ווערן. דער תנא דבי אליהו פירט אויס אז מ'האט זיך באשוואוירן איינער דעם צווייטן, און מ'האט זיך מחזק געווען אז מ'זאל נישט משנה זיין שמם לשונם ומלבושם.

## וועמענס מתנה?

**אונז** ווייסן מיר דאך וואס די מדרש זאגט אז כלל ישראל איז ארויסגעגאנגען פון מצרים אין זכות פון די דריי זאכן, לויט איין מאן דאמר איז געווען פיר זאכן - אז ס'איז נישט געווען קיין מוסרים. עכ"פ די דריי זאכן צי פיר זאכן האט געמאכט אז אידן זאלן קענען ארויסגיין פון מצרים, ס'איז נישט געשען פון זיך אליין, דאס איז געווען וויבאלד אידן בזמן הגלות האבן אפילו אזעלכע פשוט'ע זאכן ווי דעם זיך געהאלטן אין איין רעדן און מחזק זיין מדי שבת בשבתו, דאס האט געגעבן די חיזוק פאר כלל ישראל אנצוגיין מיט די עבודה מ'זאל קענען האבן די זכיה ארויסצוגיין פון מצרים.

**אין** דעם איז דא א חידוש פון **סידורו של שבת**, ער טייטשט מיט דעם די גמרא אין מסכת שבת דף י:, די גמרא זאגט דארט **מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה**. שטעלט ער זיך וואס הייסט מתנה טובה? מתנה מיינט געווענליך ווען איך האב 'באקומען' א מתנה, איינער וואס 'טיילט' א מתנה רופט עס נישט קיין מתנה, ס'איז א חפץ. טייטשט דער סידורו של שבת אז באמת האט כלל ישראל אנגעהויבן מיט שבת, אונז האבן מיר אנגעהויבן דינען דעם באשעפער שבת, און ס'איז געווען א מתנה פון אונז פאר'ן אויבערשטן, שפעטער האט דער אויבערשטער אונז צוריק געגעבן די מתנה, ער האט אונז געגעבן דעם שבת, פארדעם הייסט עס מתנה טובה.

**יעצט** די דריי זאכן וואס כלל ישראל האט נישט געטון אין מצרים איז ווי דערמאנט געווען לא שינו שמם, לשונם און מלבושם. וואס מיינט לשונם? שטייט אין **סמ"ג**, און אזוי איז אויך גע'פסק'נט אין **שו"ע**, אז לשונם מיינט די דיבור, די דיבור מיינט די שפראך, לכאורה מיינט עס אז אידן האבן נישט גערעדט קיין מצריי'ש, מ'האט גערעדט נאר לשון קודש, א איד דארף אבאכט געבן נישט צו רעדן בלשונות העמים.

## אידן האבן אן אקצענט...

**ס'איז** דא א מורא'דיגע אינטערעסאנטע **התעוררות תשובה**, ער זאגט אז אונז זעען אז כלל ישראל אפילו ווען זיי רעדן בלשונות העכו"ם, לאמיר זאגן ענגלי"ש צי סיי וועלכע אנדער שפראך, איז אייביג דא די אקצענט מיט וואס א איד רעדט, א איד האט נישט די זעלבע מין ענגליש ווי א גוי פון די גאס. זאגט ער ווייל אפילו ווען א איד דארף שוין יא אנקומען צו רעדן ענגליש זאל ער אייביג רעדן די ענגליש מיט אן אקצענט, נישט רעדן די ענגליש ממש ווי דער גוי רעדט, אונז דארפן מיר זיין מובדל פון די גוים, די חלק פון שמם, לשונם ומלבושם, ס'איז אן אינטערעסאנטע התעוררות תשובה.

**אין** ירושלמי שטייט - ס'איז א פלא פון א ירושלמי אין מסכת שבת - דער ירושלמי זאגט דארט אז מ'האט גוזר געווען י"ח דבר, איינע פון די י"ח דבר שטייט אין ירושלמי (אין בבלי שטייט אנדערע י"ח דבר) איז געווען מ'זאל נישט רעדן לשון העכו"ם! דאס איז געווען איינע פון די י"ח דבר וואס מ'האט מתקן געווען א תקנה.

**איז** דא א פירוש קדמון, היינט האט מען געדריקט א נייע ירושלמי, פון עוז והדר, ברענגען זיי אראפ צום סוף אן אינטערעסנטע פירוש קדמון, דער פירוש הקדמון זאגט דארט פארוואס טאר מען נישט רעדן קיין ענגליש אדער סיי וועלכע גוי'אישע שפראך, זאגט ער ווייל דורכדעם וואס א איד רעדט גוי'איש דאס מאכט ער זאל נישט זיין מובדל פון דער גוי, ער קען רעדן מיט יעדן גוי אויף די גאס, דאס מאכט עס זאל ח"ו זיין ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם, פאר די סיבה דארף כלל ישראל רעדן אן אנדערע שפראך מ'זאל זיין אביסל אפגעטיילט פון די גוים.

## וואס איז דער סוד?

**אז** מ'רעדט פון דעם פירוש וועל איך זאגן פאר'ן עולם אן אינטערעסאנטע זאך. איך האב געהאט אמאל די זכיה צו רעדן מיט א גרויסן מחנך פון אנטווערפן, האבן מיר גערעדט וועגן היינטיגע פראבלעמען מיט בחורים וואס גייען ארויס לתרבות רעה, צי אנדערע פראבלעמען.

**האט** ער מיר געזאגט אז ס'איז געווען אמאל אן אסיפת מחנכים אין אנטווערפן וועגן די נושא פון בחורים וואס פאלן אוועק, האבן זיי אנגעהויבן צו זען די נאמבערס, זאגט ער אז אין אנטווערפן איז די מציאות אז ווייניגער בחורים - אזוי האט ער מיר געזאגט - ווייניגער בחורים גייען ארויס לתרבות רעה ווי דא אין אמעריקע, ווייניגער בחורים פראצענטועל, יעדער איינער האט געגעבן עפעס א אנדערע סיבה פארוואס ער האלט אז

אין אנטווערפן איז בעסער די מצב החינוך ווי אין אנדערע פלעצער

**ביז** ס'איז געקומען א רב און געזאגט אז די סיבה איז, ווייל אנטווערפן, וויבאלד די שפראך איז פלעמיש, דאס איז די שפראך, דארט ארבעט עס אז אפילו איינער וואס איז גאר א שוואכער איד, למחצה לשליש ולרביע, אפילו ספק קאפל, די אלע וועלן בלייבן מיט'ן רעדן אידיש, דאס איז א זאך וואס מ'וועט קיינמאל נישט צורירן, אידיש איז א זאך פון וואס מ'וועט זיך נישט אוועקרירן, ממילא ווען די קינדער וואקסן אויף, אפילו מ'האט א קינד וואס איז שוואך אביסל, וויבאלד אבער ער קען נישט גוט פלעמיש, ער קען נישט אזוי גוט די שפראך, דאס טוט אים אפטיילן פון די גוי'אישע גאס.

**משא"כ** דא אין אמעריקע איז דער עולם נישט אזוי שטארק נזהר אין דעם, איז דא זייער אסאך קינדער און בחורים וואס קענען שוין גוט ענגליש פון דערהיים, ווייל מ'איז נישט מקפיד דערויף, ממילא די רגע דער בחור וויל ח"ו גיין לתרבות רעה, איז אים אלע וועגן אפן, ער קען גוט די שפראך, ער קען גוט די אקצענט, ער קען רעדן מיט'ן גוי. דאס איז געווען איינע פון די סיבות וואס בזמן הש"ס ווי מ'האט פריער געזאגט פון ירושלמי אז איינע פון די י"ח דבר האט מען געמאכט א תקנה אז דער יונגעלע צי דער בחור'ל זאל נישט אזוי גוט קענען די גוי'אישע שפראך, ער זאל ח"ו נישט צוקומען זיך אויסצומישן מיט'ן גוי.

## ווער איז געווען דער ערשטער קאמפאזירער?

**יעצט** אז מ'רעדט פון די חלק פון די אידישע שפראך, איז אויך דא א חלק וואס דער **כוזרי** זאגט, דאס איז די חלק הנגינה, די חלק המוזיק. מ'וועט קודם אנהייבן צו רעדן אביסל די חלק פון מוזיק, נאכדעם וועט מען זען וואס נאך דער כוזרי זאגט וועגן די נושא פון נגינה.

**מען** זעט אין די תורה הקדושה, דער ערשטער וואס האט אויסגעטראפן די ענין פון נגינה, פון מוזיק, שטייט אין פסוק אז למך האט געהאט א זון וואס האט געהייסן יובל, וואס דער יובל איז געווען **אבי כל תופש כנור ועוגב**, ער האט אויסגעטראפן די חלק פון מוזיק. אין **תרגום יונתן** שטייט, אז נישט נאר ער האט דאס אויסגעטראפן, נאר ער איז געווען דער ערשטער קאמפאזירער, ער האט געקענט מאכן א ניגון, ער האט געקענט אנפירן די אלע וואס שפילן; א קאנדאקטער, ער איז געווען דער אבי, דער אויסטרעפער פון דעם אלעם.

## צוגעקלעבטע פינגערס...

**איז** דא א פלא פון א **יערות דבש**, דער יערות דבש פרעגט וואס האט געדויערט אזוי לאנג, ביז א זון פון למך, אויסצוטרעפן מוזיק, וואס איז געווען ביז דעמאלטס? זאגט ער א חידוש פון א זאך, **רבי יהודה החסיד** האט מגלה געווען אז ביז נח איז קיינער נישט געבוירן געווארן מיט די פינגערס צוטיילט, יעדער איינער איז געבוירן געווארן מיט די פינגערס צוגעקלעבט איינס צום צווייטן, אזוי ווי א קאטשקע, נח איז געווען דער ערשטער מענטש וואס איז אראפגעקומען אויף די וועלט מיט די פינגערס אפגעטיילט, און פון דעמאלטס האט זיך אלעס אנגעהויבן צו טוישן אז אלע זענען געבוירן געווארן מיט די פינגערס אפגעטיילט.

**זאגט** דער יערות דבש, אז כדי צו קענען שפילן מוזיק, ספעציעל א פידל, דארף מען דאך נוצן אלע פינגערס, אויב די פינגערס זענען צוגעקלעבט קען מען דאך נישט שפילן. אפילו א מענטש שפילט פיאנע צי די אלע אנדערע זאכן דארף ער דאך קענען נוצן יעדע פינגער, אבער ספעציעל די פידלעך, כינור ועוגב, דארף מען דאך יעדע פינגער קענען נוצן, ממילא ביז די צייטן פון נח, וואס פון נח און ווייטער זענען אלע געבוירן געווארן מיט צוטיילטע פינגערס, האט קיינער נישט געקענט אויסטרעפן מוזיק שפילן, וויבאלד ס'איז נישט געווען במציאות צו שפילן. קומט אויס אז יובל איז געווען פון די ערשטע מענטשן פון די נייע דור וואס איז געבוירן געווארן מיט צוטיילטע פינגערס, דאס האט געגעבן די חידוש ער זאל קענען ארויסברענגען ניגונים אויף די וועלט, דאס איז א חידוש פון יערות דבש.

## לדוד מזמור אדער מזמור לדוד

**עכ"פ**, די כח פון נגינה איז זייער זייער שטארק, ס'איז א דבר פשוט, יעדער איינער ווייסט עס אליינס. מ'זעט אין **זוהר הקדוש** פרשת תרומה, א פלא פון א זוה"ק; אסאך מאל טרעפט מען אין תהלים **מזמור לדוד**, און אסאך מאל טרעפט מען **לדוד מזמור**, וואס איז די חילוק?

**שטייט** אין זוה"ק פרשת תרומה, א הפלא'דיגע זאך, אז באמת אנצוקומען צו רוח הקודש, אנצוקומען צו נבואה, דארף מען דינען דעם אויבערשטן מיט שמחה, מ'דארף זיין בשמחה. במילא יעדע מאל וואס דוד המלך איז געווען אין א מצב אז ס'איז געווען צרות, האט ער קודם געדארפט זינגען פאר'ן אויבערשטן, נאך וואס ער האט געזינגען א לידל וואס האט אים מחזק געווען האט ער געקענט אנהייבן צו שרייבן די קאפיטל תהלים. אסאך מאל איז אבער געווען אז דוד המלך איז געווען בעצם צעפרידן פארדעם.

**זאגט** דער זוה"ק, אז יעדע מאל וואס מ'זעט אין תהלים מזמור לדוד, מיינט דאס אז די קאפיטל נאכדעם איז א פראבלעם, במילא האט קודם האט געמוזט זיין מזמור, קודם האט דוד המלך געמוזט זינגען, נאך וואס ער האט געזינגען איז ער אריינגעגאנגען אין א מצב פון שמחה האט ער געקענט זאגן ווייטער די קאפיטל תהלים. אבער אסאך מאל איז געווען לדוד מזמור, ווייל גראד אויפ'ן פלאץ איז ער געווען בשמחה, דאס איז די חילוק צווישן די צוויי לשונות. זעט מען דערפון אז א ניגון האט א מורא'דיגע כח.

## תחיית המתים!

**ס'איז** דא א פלא פון א **גר"א**, ס'ווערט געברענגט אין **פאת השולחן** אין די הקדמה, אז דער גר"א האט מעיד געווען אז די כח הנגינה איז אזוי שטארק, אז ס'קען א מענטש ממש מחיה מתים זיין! אויב איינער ווייסט די ריכטיגע וועג וויאזוי צו זינגען, האט נגינה א כח ממש צו מאכן תחיית המתים, דאס איז די כח פון נגינה.

**אין** ***ליקוטי מהר"ן*** שטייט א דבר נפלא, אז ווען די שבטים זענען געקומען קיין מצרים, האבן זיי געוואלט געבן פאר יוסף א מתנה, די בעסטע מתנה וואס מ'האט געקענט געבן פאר יוסף איז געווען א ניגון פון ארץ ישראל. טייטשט ער **קחו לי מזמרת הארץ** אז ווען די שבטים זענען געקומען געבן פאר יוסף הצדיק א מתנה, וואס קען מען געבן א מתנה פאר א מענטש, האט מען געגעבן א ווארימע הארציגע ניגון וואס דאס האט מחזק געווען יוסף, דאס איז א מתנה וואס קען אויפהייבן און דערוועקן א מענטש.

**יעצט** אין **כוזרי** שטייט א דבר פשוט, אז ביי כלל ישראל איז געווען נגינה במשך אלע דורות א מורא'דיגע הייליגע זאך, אזוי ווייט אז מ'זעט אז די לוים אין בית המקדש האבן געדארפט זינגען די ניגונים, און דאס איז געווען א חלק פון די עבודה פון די הקרבת קרבן. וואס איז טאקע פשט דערפון? איז דער כוזרי מסביר, אז אונז ווייסן דאך אז די עיקר פון א קרבן איז נישט די חלק פון שחט'ן די בהמה, דער עיקר איז דאך אז דער מענטש זעט אז מ'שעכט די בהמה און ער טראכט צו זיך אז עכט וואלט מען געדארפט טון די זעלבע זאך מיט אים, ס'איז דאך אלעס א התעוררות.

**מאידך** גיסא בשעת הקרבה האט געמוזט זיין א מורא'דיגע שמחה, ווייל מ'דארף דינען דעם אויבערשטן בשמחה, עבדו את ה' בשמחה. במילא איז געליגן א חוב אויף די לוים, זיי האבן געדארפט נעמען יעדן איד, נישט קיין חילוק אין וואספארא מצב ער איז געווען, און מיט די כח הנגינה אים אריינלייגן אין תשובה. איינמאל ער איז אנגעקומען צו תשובה האבן זיי געקענט מיט די כח הנגינה נעמען דעם איד און אים אריינלייגן אין א מורא'דיגע שמחה. קומט אויס אז די עבודה פון די ניגונים אין בית המקדש האט געהאט א חלק מיט די כשרות הקרבנות וואס אידן האבן געהאט.

## א ברכה אויף א ניגון?!

**יעצט** דאס איז נישט קיין סוד, דאס ווייסט יעדער איינער פאר זיך אליין, אז ניגונים איז א מורא'דיגע שטארקע זאך, אז א איד הערט א ניגון קען דאס נעמען און באצויבערן דעם מענטש, סיי אויף שמחה און סיי אויף עצבות. אזוי ווייט אפילו, אז דער **מגן אברהם** קומט אויף מיט א קשיא אין הלכות ברכות פארוואס מאכט מען נישט קיין ברכה אויף א ניגון... לכאורה א קול ערב, א ניגון, איז דאך אזא געשמאקע זאך. כמה וכמה תירוצים איז געזאגט אויף דעם, איך ברענג נאר ארויס די חלק פון די קשיא אז כולי עלמא מודה אז נגינה איז גאר א הויכע זאך און א חשוב'ע זאך.

*

## וואס איז די היתר צו הערן מוזיק?

**יעצט** וועלן מיר אריינגיין אביסל אין די היסטאריע. במשך הדורות, אלע צייטן ווען אידן האבן געמאכט ניגונים, איז אייביג געווען די ווארטער פונעם ניגון געבויעט אויפ'ן אויבערשטן, אלע

בס"ד

# ליינט דעם גליון יעדע וואך אין
# "גליונות לשבת קודש"




צום קויפן אין אמעריקא-קאנאדא-ארץ ישראל-לאנדאן-מאנטשעסטער-אנטווערפן

**יעדע וואך 104 עמודים פון די שענסטע גליונות**

**אידיש, לשון קודש - קליינע און גרויסע סייז - שוין מיטוואך מיטאג אין די געשעפטן**

gilyonosshabbos@gmail.com